# דעם רבינ'ס ליכט

בראשית תשפ"ב
גליון 61



**אַײַערע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין**
**וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.**

טַייעֶרֶע קִינְדֶער! מִיר וֶועלְן נִישְׁט פַארְגֶעסְן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען, צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס רֹאשׁ הַשָּׁנָה!! דָאס אִיז זִיכֶער גֶעוֶוען אִין זְכוּת פוּן דִי טוֹיזְנְטֶער תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, וֶועלְכֶע הָאבְּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן יָאר מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת א.ד.ג אַז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס קִבּוּץ זָאל קֶענֶען צוּשְׁטַאנְד קוּמֶען. גֶעלוֹיבְּט הַשֵּׁי"ת אַז דָאס יָאר אִיז גֶעוֶוען אַזַא סָארְט הִתְקַבְּצוּת וָואס אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען, וֶוען מֶשֶׁךְ פוּן עֶטְלִיכֶע וָואכְן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה זֶענֶען זִיךְ שׁוֹין צַאמְגֶעקוּמֶען טוֹיזְנְטֶער חֲסִידִים אוּן אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶוען אוּנְטֶערְן שָׁאטְן פוּנֶעם גְרוֹיסְן אָדְלֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי!! צוּזַאמֶען מִיט אַן אַחְדוּת אוּנְטֶערְן גְרוֹיסְן בּוֹים.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַלֵיין, וָואס אִיז גֶעוֶוען שְׁוֶוער צוּ גְלֵייבְּן אוּן חָלוֹמֶ'ן אַז עֶס זָאל זִיךְ צוּנוֹיפְקוּמֶען אַזַא רִיזִיגֶער קִבּוּץ פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, טְרָאצְדֶעם וָואס דֶער סַמֶךְ מֶם הָאט פְּרוּבִּירְט צוּ טַאנְצְן אוּן פַארְפִירְן, הָאט דֶער רֶבִּי פָארְט אוֹיסְגֶעפִירְט מִיט זַיין נִצָּחוֹן.

אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן שַׁבָּת פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען אִין אַלֶע קִבּוּצִים אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה אוּן הִתְרַגְשׁוּת, דִי הֵיילִיגֶע רִקּוּדִים, דֶערְהוֹיבֶּענֶע סְעוּדוֹת אוּן זְמִירוֹת שַׁבָּת, דִי סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אוּן דִי שֵׁיינֶע זְמִירוֹת אוּן תּוֹרָה בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית.

לָאמִיר זִיךְ דֶערְמַאנֶען דִי סְלִיחוֹת פוּן "זְכוֹר בְּרִית" עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה דִי גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת, אוּן דֶערְנָאךְ דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אוּן וִודּוּי דְּבָרִים בַּיים רֶבִּי'ן כְּבְחַיִּים חַיּוּתוֹ.

דֶער אַרַיינְפִיר פוּנֶעם יו"ט דֶער אוּנְטֶערְשְׁטֶער מִנְחָה פוּן יָאר אוּן דָאס עֶרְשְׁטֶע בָּרְכוּ פוּן מַעֲרִיב, דִי צַייט וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פִירְט אַרִיבֶּער זַיינֶע לַייט, וֶוער קֶען זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת, מֶען הָאט גֶעקֶענְט שְׁפִּירְן אִין דִי לוּפְט דֶעם בַּאקַאנְטְן שִׂיחָה פוּן ר' נָתָן וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט אִין אֵיינֶע פוּן דִי יָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה: "אִיךְ גְלֵייבּ אַז דֶער רֶבִּי אִיז דָא מִיט אוּנְז, אוּן אַז דֶער רֶבִּי אִיז דָא זֶענֶען אַלֶע שִׁבְעָה רוֹעִים דָא, אִיךְ גְלֵייבּ גְלַייךְ וִוי אִיךְ זֶע"!!




דִי לְשָׁנָה טוֹבָה וָואס אוּנְזֶערֶע לַייט הָאבְּן זִיךְ גֶעוווּנְטְשְׁן מִיט אַזַא לִיבְּשַׁאפְט אוּן אַהֲבָה בְּמֶשֶׁךְ אַ לַאנְגֶע צַייט. דֶערְנָאךְ זֶענֶען אַלֶע חֲסִידִים גֶעגַאנְגֶען עֶסְן דִי דִי סְעוּדוֹת מִיט דִי סִימָנִים מִיט אַ יִרְאָה אוּן שִׂמְחָה אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים... כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם.

צוּמָארְגְנְס בְּהַשְׁכָּמָה הָאבְּן זִיךְ אנ"ש דֶערְוֶועקְט אוּן גֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶוענֶען. אַזוֹי וִוי נֶעכְטְן הָאט זִיךְ וִוידֶער אִיבֶּערְגֶעשְׁפִּילְט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע קָאכֶעדִיגֶע תְּפִלּוֹת שַׁחֲרִית מִיט דִי גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע פִּיּוּטִים. וִוי אִיז דִי פֶּענֶע וָואס קֶען פָארְשְׁטֶעלְן דִי הִתְעוֹרְרוּת, בּוּשָׁה אוּן שִׂמְחָה - וָואס מֶען קֶען נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר זִיךְ כָּל־שֶׁכֵּן פַארְן חַבֶר, וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט גֶעשְׁפִּירְט אִין הַארְץ בַּיי דִי הֵיילִיגֶע תְּקִיעוֹת. אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי מוּסָף, וֶוען מֶשֶׁךְ לַאנְגֶע שָׁעוֹת אִיז מֶען מַמְלִיךְ דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי מַלְכֻיּוֹת, זִכְרוֹנוֹת, שׁוֹפְרוֹת, דִי זִיסֶע נִגּוּנִים אוּן נְסְחָאוֹת וָואס בַּאנֶעמְט דִי נְשָׁמָה.

המשך אויף די לעצטע זייט

# ר' שְׁמוּאֵל הוֹרוִויץ זי"ע

מוֹצָאֵי שַׁבָּת פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח איז געבוירן געוואָרן אין שְׁטָאט צְפַת, דאס לעכטיג קינד שְׁמוּאֵל, שְׁפּעטער באוואוּסט אַלְס ר' שְׁמוּאֵל הוֹרוִויץ זי"ע.

ר' שְׁמוּאֵל איז געוועזן אַן אייניקל בֶּן אַחַר בֶּן פוּנעם הייליגן של"ה. דער טאַטע פון ר' שְׁמוּאֵל האט טאַקע געטראָגן דעם זעלבן נאָמען ווי דער הייליגער זיידע דער של"ה רַבִּי יְשַׁעְיָה הַלֵּוִי הוֹרוִויץ.

ר' שְׁמוּאֵל'ס זיידע - דעם טאַטנ'ס טאַטע - האט געהייסן ר' אָשֵׁר יְחֶזְקֵאל הוֹרוִויץ. זַיין ווייב - ר' שְׁמוּאֵל'ס באָבע - האט געהייסן עֶלְקֶע ע"ה, זי איז געוועזן אַן אייניקל פון דעם גרויסן צַדִּיק ר' מָרְדְּכַי יָפֶה בַּעַל הַלְּבוּשִׁים זצ"ל.

מיר ברענגען דאָ אַראָפּ אַ מוֹרָא'דיגע מַעֲשֶׂה וואס האט פּאַסירט צו ר' מָרְדְּכַי יָפֶה:

איינמאָל האט זיך ר' מָרְדְּכַי פאַרבלאָנדזשעט אין וועג, ער איז אָנגעקומען צו נִישְׁט אַן ערליכע פּלאַץ. און האט דאָרט געהאַט אַ נִסָּיוֹן צו טון אַן עֲבֵירָה, ער האט פאַרשטאַנען אַז ער איז אין גאָר אַ גרויסע סַכָּנָה בְּרוּחָנִיּוּת, איז ער מיט אַ קלוּגשאַפט אַריינגעלאָפן אין בֵּית הַכִּסֵּא. דאָרט איז געווען אַ פענסטער צו קענען אַראָפּשפּאַנען, אָבער עס איז געווען זייער הויך און אַ סַכָּנָה אַראָפּצוּשפּאַנען, האט ער געבעטן דעם אויבערשטן ער זאָל אים ראַטעווען, ער זאָל נִישְׁט ווערן צוקלאַפּט ביים אַראָפּשפּאַנען, און האט צוגעזאָגט אַז אויב וועט ער ווערן געראַטעוועט וועט ער אַרויסגעבן סְפָרִים און פאַרשפּרייטן איבער די וועלט.

לויט אַן אַנדערע גִּרְסָה איז ר' מָרְדְּכַי יָפֶה אַריינגעקראָכן אינעם גרויסן רער וואס דאָרט לויפט אַראָפּ די אָפּפאַל און שְׁמוּץ פון בֵּית הַכִּסֵּא ביז אינדרויסן פון שְׁטָאט נעבן עק פון טייך, אַזוי איז ער אַריבערגעשווימען די שרעקליכע שְׁמוּץ און זיך פאַרשמירט זַיין פָּנִים מיט אַלע זיינע צען קליידער וואס ער האט געטראָגן אויף זיך, אַבי נִישְׁט צו ווערן פאַרשמירט מיט עֲבֵירוֹת, ער איז אַנטלאָפן אַזוי ווי יוֹסֵף הַצַּדִּיק איז אַנטלאָפן ביי זַיין נִסָּיוֹן.

נאָך אַן אינטערעסאַנטע תְּפִלָּה האט ר' מָרְדְּכַי געבעטן פון באַשעפער, אַז כְּדֵי זיינע אייניקלעך זאָלן נִישְׁט צוקומען צו אַזאַ סאָרט נִסָּיוֹן וואס ער האט געהאַט וועגן זַיין שיינעם אויסזען, זאָלן זיינע קינדער און אייניקלעך לְפָחוֹת צען דוֹרוֹת נאָך אים - נִישְׁט האָבן קיין שיינעם אויסזען, זיי זאָלן חָלִילָה נִישְׁט צוקומען צו קיין נִסָּיוֹן.



איינע פון די לבוש ספרים

ווען ר' לֵוִי יִצְחָק בענדער ז"ל האט געלערנט אין מאַקעווע יְשִׁיבָה אין פוילן, האט דאָרט געלערנט אַ בָּחוּר ר' יִצְחָק אָטוואָצקער הי"ד, וועלכער האט טאַקע מְקָרֵב געווען ר' לֵוִי יִצְחָק און רוֹב בָּחוּרִים פון מאַקעווע יְשִׁיבָה צום הייליגן רבי'נס דֶּרֶךְ. דער יִצְחָק'ל איז געווען גאָר אַ גרויסער לַמְדָן, טראָץ זַיין יונגן עלטער האט אים זַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה זייער מְכַבֵּד געווען וועגן זַיין לַמְדָנוּת און גְּאוֹנוּת וואס ער האט פאַרמאָגט.

ווען עס האט זיך אָנגעהויבן דאס ערשטע וועלט'ס קריג איז דער טאַטע פון דעם בָּחוּר ר' יִצְחָק אים געקומען אַהיימנעמען פון יְשִׁיבָה, האָבן זיך די בָּחוּרִים זייער געוואונדערט וויאַזוי דער בָּחוּר ר' יִצְחָק האט געהאַט גאָר אַ שיינעם אויסזען, אָבער זַיין טאַטע'ס פָּנִים איז געווען מִאוּס און פאַרשוואַרצט, האָבן די בָּחוּרִים געפרעגט פון דעם בָּחוּר ר' יִצְחָק וואס איז פְּשַׁט פון דעם?

האט ר' יִצְחָק געענטפערט: "מיין טאַטע איז דער צענטער דוֹר פונעם ר' מָרְדְּכַי יָפֶה - בַּעַל הַלְּבוּשִׁים.

ר' מָרְדְּכַי הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער נָאךְ זַיין נִסָיוֹן אַז זַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ בִּיז צֶען דוֹרוֹת, זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קֵיין שֵׁיינֶעם אוֹיסְזֶען!" הָאט ר' יִצְחָק אוֹיסְגֶעפִירְט: „אִיךְ בִּין שׁוֹין דֶער עֶלְעוְוטֶער דוֹר פוּנֶעם הֵיילִיגְן זֵיידְן!

ר' מָרְדְּכַי יָפֶה הָאט טַאקֶע נָאךְ דֶעם נֵס גֶעגֶעבְּן דִי נֶעמֶען פַאר זַיינֶע סְפָרִים „לְבוּשׁ..." אַ סַךְ הַכֹּל פוּן צֶען סְפָרִים מִיטְ'ן נָאמֶען לְבוּשׁ - רוֹב פוּן זֵיי אִיז אַ פֵּירוּשׁ אוֹיפְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ. (ימי שמואל, שיש"ק, א"ח)

נָאךְ אַ גֶעשֶׁעעֶנִישׁ וָואס הָאט פַּאסִירְט צוּ ר' שְׁמוּאֵלְ'ס זֵיידֶע - ר' אָשֵׁר יְחֶזְקֵאל, וֶוען עֶר אִיז אַמָאל גֶעפָאהְרְן אִין אַ גְרוֹיסְן בַּאן אִין שְׁטָאט רוּסְלַאנְד, דֶער בַּאן אִיז גֶעוֶוען בַּאהָאפְטְן מִיט אַסַאךְ וָועגֶענֶער. דֶער זֵיידֶע ר' אָשֵׁר יְחֶזְקֵאל אִיז גֶעזֶעסְן אִין אֵיינֶע פוּן דִי פָאדֶערְשְׁטֶע וַואגָאנֶען, פְּלוּצְלִינְג קוּמְט אֵיינֶער צוּ צוּ אִים אוּן פַארְטְרַייבְּט אִים פוּן דָארְט, הָאט דֶער זֵיידֶע זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן גֵייעֶנְדִיג צוּם אַנְדֶערְן וַואגָאן, דָארְט אִיז ווִידֶער גֶעקוּמֶען אֵיינֶער אִים פַארְטְרַייבְּן, אוּן ווִידֶער אִיז דֶער זֵיידֶע גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי וַואגָאנֶען מֶער פוּן אוּנְטְן, אַזוֹי אִיז גֶעשֶׁען אֵיינְמָאל אוּן ווִידֶערַאמָאל, בִּיז מֶען הָאט אִים שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ גֶעלָאזְט אַיינְזִיצְן אוֹיף זַיין פְּלַאץ אִינֶעם לֶעצְטְן וַואגָאן.

אַזוֹי אִיז דֶער בַּאן גֶעמוּטְלִיךְ גֶעפָארְן בִּיז וֶוען אִין אֵיין מִינוּט אִיז גֶעשֶׁען עֶפֶּעס שְׁרֶעקְלִיךְ, אַ בַּאן אִיז גֶעקוּמֶען צוּפָארְן אַנְטְקֶעגְן אוּן זִיךְ אָנְגֶעקְלַאפְּט אִין דֶעם לוֹיפְנְדִיגְן בַּאן! אַלֶע וַואגָאנֶען הָאבְּן זִיךְ צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעשָׁאסְן, אוּן גֶע'הַרְגֶ'עט אַלֶע מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעזֶעסְן אִין דִי פָאדֶערְשְׁטֶע וַואגָאנֶען, אָבֶּער



מִיטְ'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אִיז דֶער זֵיידֶע - וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אִינֶעם לֶעצְטְן וַואגָאן - נִישְׁט גֶעשֶׁעדִיגְט גֶעוָוארְן, עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעפַאלְן פוּנֶעם וַואגָאן אוּן גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן אַ זִיכֶערְן טוֹיט. וֶוער ווייסְט וֶוער אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט אִים אַזוֹיפִיל מָאל פַארְטְרִיבְּן פוּן דִי וַואגָאנֶען אִים צוּ רַאטֶעוֶוען!



# מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע

אַפָּאר חֳדָשִׁים פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מִיר פְּלוּצְלִינְג גֶעוַואקְסְן אַ גֶעוואוּקְס אִין מַיין נָאז, וָואס דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט מַיין אָטֶעם, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן בַּיים דָאקְטֶער הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַלֶע בְּדִיקוֹת אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר זֶעט צְוֵויי גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען: אֵיינְס אַז דִי בֵּיין פוּן דִי נָאז הָאט זִיךְ פַארְקְרוּמְט אוּן דָאס שְׁטֶערְט דֶעם אָטֶעם. אַזוֹי אוֹיךְ זֶעט עֶר אַ גֶעוואוּקְס וָואס דָאס מוּז מֶען אַפֶּערִירְן אוּן אַרוֹיסְשְׁנַיידְן, דָאס קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן זִיךְ אַלֵיין.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן בַּאשְׁטֶעלְט אַ טָאג וֶוען מֶען זָאל דוּרְכְפִירְן דֶעם אָפֶּערַאצְיֶע. לְמַעֲשֶׂה וֶוען דֶער טָאג אִיז גֶעקוּמֶען הָאט מִיר בַּאנוּמֶען אַ פַּחַד זִיךְ צוּ לָאזְן שְׁנַיידְן, אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעוֶועלְט עֶנְדֶערְשׁ צוּ פָארְן אַבִּיסְל פְּרִיעֶר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּיְ'ן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן זִיךְ דָארְט אוֹיסְבֶּעטְן אַ רְפוּאָה.

אִיךְ בִּין טַאקֶע גֶעפָארְן אוּן גֶעמַאכְט תְּפִלּוֹת בַּיים רֶבִּיְ'ן. מַיין אָטֶעם אִיז מִיר גֶעוֶוען הֵיפְּשׁ שְׁוֶוער, אָבֶּער מִיט אַסַאךְ אֱמוּנָה הָאבּ אִיךְ דוּרְכְגֶעשְׁטוּפְּט דִי טֶעג.

צְוֵויי טֶעג נָאכְן אַהֵיימְקוּמֶען פוּן אוּמַאן, זִיצְנְדִיג בַּיים רֶבִּיְ'נְס סְפָרִים אוּן לֶערְנֶען הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁפִּירְט אַז דֶער מַצָּב טוֹיג נִישְׁט, הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל שׁוֹין אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דֶעם שְׁוֶוערְן נִסָיוֹן. אִיךְ וֵויין אוּן וֵויין מִיט פְּלִיסִיגֶע הֵייסֶע טְרֶערְן, וֶוען פְּלוּצְלִינְג הֵייבּ אִיךְ אָן הִיסְן, עֶס גִיסְט אַרוֹיס שְׁלֵיים אוּן פְּלִיסִיגְקֵייט פוּן מַיין נָאז! אִיךְ הִיס אוּן הִיס, עֶס קוּמְט מִיר אַרוֹיס עֶפֶּעס אַ שְׁטִיק פוּן מַיין נָאז! דֶער גֶעוואוּקְס אִיז אִינְדְרוֹיסְן!! אַן אִינְטֶערֶסַאנְטֶע שְׁטִיקְל מִיט עֶפֶּעס אַ מָאדְנֶע שְׁטַארְקֶע קָאלִיר וָואס אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַזָאנְס נִישְׁט גֶעזֶען!!

בְּכֹחַ הַצַּדִּיק וֶוערְט מֶען גֶעהֵיילְט בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת...

# לגאומיר זיך פאר הערן

## בחינה אויף ספורי מעשיות
## די צענטע מעשה (1)
## דער בערגיר מיט'ן ארעמאן




**א. וואס איז דער בערגער געווען?**
- ❑ א גרויסער סוחר.
- ❑ א גרויסער עושר.
- ❑ זייער א גרויסער עושר.

**ב. וואס איז געווען דער שכן וואס האט געוואוינט נידריגער פון אים?**
- ❑ א פשוט'ער מענטש.
- ❑ זייער א גרויסער ארימאן.
- ❑ א בלוטיגער ארימאן.

**ג. וואס איז געשעהן צום בערגער נאכן חלום?**
- ❑ זיין הארץ האט אים זייער געקלאפערט.
- ❑ ס'האט אים זייער געהארט.
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ד. וואס האט פאסירט מיטן בערגער ווען דער ארימאן און זיין ווייב פלעגן קומען צו אים?**
- ❑ זיין פנים פלעגט פארענדערט (אנדערש) ווערן.
- ❑ ער איז דערשראקן געווארן.
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ה. וואס האט געחלומ'ט די ווייב פון ארימאן?**
- ❑ אז זיא איז ארים און עס קומען מענטשן און מאכן פאקן פאקן.
- ❑ אז זי איז א גרויסע עשירת (עשירות'טע) און עס קומען מענטשן און מאכן פאקן פאקן.
- ❑ אז ס'זענען געקומען מענטשן און געמאכט פאקן פאקן.

**ו. וואס איז געשעהן צום בערגער נאך וואס די ווייב פון ארימאן האט דערציילט איר חלום?**
- ❑ ער איז געפאלן חלשות.
- ❑ ער איז נאך מער דערשראקן געווארן און ער איז פארטומלט געווארן .
- ❑ ער איז געווארן קראנק.

**ז. וועמען האט די ווייב פונעם בערגער גענומען צו שפאצירן?**
- ❑ נאך ווייבער.
- ❑ דעם ארימאנ'ס ווייב.
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ח. וועמען האט מען ארויסגענומען פון וואגן צום יעדניראל?**
- ❑ די ווייב פון בערגער.
- ❑ די ווייב פון ארימאן.
- ❑ איינע פון אירע חבר'טעס.

**ט. וואס האט דער בערגער געטאן איר ארויסצונעמען?**
- ❑ ער האט געדאווענט.
- ❑ ער האט געטאן א ווילדע זאך.
- ❑ ער האט געטאן א אינטערסאנטע זאך.

**י. האט דער בערגער מצליח געווען איר ארויסצונעמען פון הויז פון יעדניראל?**
- ❑ יא.
- ❑ ניין.
- ❑ יא, נאר דער יעדניראל האט איר צוריקגעכאפט.

**יא. וואו האט זיך דער בערגער צום ערשט באהאלטן?**
- ❑ אין א הייל.
- ❑ אין א מקוה.
- ❑ אין א גרוב.

**יב. וואס האט די ווייב פונעם ארימאן געשוואוירן?**
- ❑ אז איר גאנצע פארמעגן וועט זי געבן פארן בערגער.
- ❑ אז אויב זי וועט האבן א קינד, וועט זי זיך משדך זיין מיט אים.
- ❑ אז איר גאנצע מזל און הצלחה, זאל ער קענען נעמען.

**יג. וועמען האט זי גענומען פאר עדות אויף דעם?**
- ❑ דער באשעפער.
- ❑ די גרוב און די מקוה.
- ❑ צוויי מענטשן וואס זענען דארט אריבערגעגאנגען.

**יד. וויפיל טעג זענען זיי געווען אין די גרוב און אין די מקוה?**
- ❑ אין גרוב זיבן טעג, און אין מקוה בערך צוויי טעג.
- ❑ אין גרוב צוויי טעג, און אין מקוה זיבן טעג.
- ❑ אין גרוב צוויי טעג, און אין מקוה בערך צוויי טעג.

**טו. אין וויפיל און אין וועלכע פלעצער האבן זיי זיך באהאלטן?**
- ❑ אין זיבן פלעצער. אין גרוב, מקוה, הייל, פעלדער, וועלדער, מדבריות, און דערפער.
- ❑ אין זיבן וואסערן. אין א גרוב, מקוה, געמויזעכטץ, קוואל, ריטשקעס, טייכן, און יַמִים.
- ❑ אין צוויי פלעצער. אין א גרוב, און אין א מקוה.

**טז. וואס לערנסטו זיך דערווייל ארויס פון די מעשה?**
- ❑ אז רצון ברעכט אייזן.
- ❑ מסירת נפש פאר פדיון שבויים.
- ❑ ____________________________.

**אִיז דָארְט גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה - מִיט אסאך הצלחה!!!**

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל,

**02-5-3333-72**

**646-518-1095**

**1-518-329-9149**

המשך פון זייט 1

יֶעצְט קוּמְט דִי סְעוּדוֹת יו"ט, אוּן מֶען לוֹיפְּט שׁוֹין צוּ תַּשְׁלִיךְ, וֶוען אַ חֵלֶק פוּנֶעם צִבּוּר גֵייעֶן צוּם גְרוֹיסְן טַייך, אוּן טַייכְן אַרוּם דִי גֶעגְנְט, אֱמֶת מַה נֶּעְדַּר אִיז גֶעוֶוען דִי מַרְאֶה, וִוי טוֹיזְנְטֶער חֲסִידִים בַּאקְלֵיידֶעט מִיט דִי וֵוייסֶע בְּגָדִים שְׁפַּרֵייזְן צוּ דִי וַואסֶערְן אִין אוּמַאן. דֶערְנָאךְ הָאבְּן זִיךְ אַלֶע צוּשְׁפְּרֵייט אוּן גֶעגַאנְגֶען הֶערְן תּוֹרָה, פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס קְוואל, אָדֶער בַּיים צִיּוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ.

מִיט אַ פְּרִישֶׁע הִתְחַדְשׁוּת הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ נַייעֶ טָאג, אַ נַייעֶ מַעֲרִיב מִיט אַ פְּרִישֶׁע בְּרֶען אוּן הִתְלַהֲבוּת. אַזוֹי אוֹיךְ דִי סְעוּדוֹת, שַׁחֲרִית מוּסָף דֶעם צְוֵוייטְן טָאג מִיט אַ פְּרִישְׁקֵייט.

מוֹצָאֵי יו"ט דִי שִׂמְחָה וָואס אִיז גֶעגֶעבְּן אַ שְׁפְּרָאץ אַרוֹיס, וואוּ מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען הָאט מֶען פוּן אַלֶע וִוינְקְלֶעך אַרוֹיסְגֶעהֶערְט דִי קוֹלוֹת פוּן נִגוּנִים, בְּשִׁירָה וְזִמְרָה, בְּתֻפִּים וּמְחוֹלוֹת דִי גֶעוַואלְדִיגֶע טֶענְץ פַאר דִי גְרוֹיסֶע זְכִיָּה וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אִין דֶעם הֵיילִיגְן פְּלַאץ.

מֶען הָאט גֶעזֶען בְּחוּשׁ אַז אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען אִין כֹּחַ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט גֶעזָאגְט: "וָואס הָאט אִיר צוּ זָארְגְן נָאכְדֶעם וָואס אִיז גֵיי פַאר אַייךְ". דֶער כֹּחַ פוּנֶעם "רֹאשׁ בַּיִת" וָואס מַאכְט לִיכְטִיג דִי וֶועלְט.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל טַאקֶע הֶעלְפְן אַז דֶער רוּחַ אֱלֹקִים וָואס שְׁוֶועבְּט אוֹיף דִי וַואסֶער - וָואס דֶער הֵיילִיגֶער זֹהַר זָאגְט אַז דָאס מֵיינְט דֶער רוּחַ פוּן מָשִׁיחַ - זָאל שׁוֹין צוּשְׁפְּרֵייט וֶוערְן אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, וַוייל דָאס אִיז טַאקֶע דֶער צִיל, אַז דֶער כָּבוֹד פוּן בַּאשֶׁעפֶער זָאל נִתְגַּלֶּה וֶוערְן אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, מִיר זָאלְן אַלֶע קְלָאר וִויסְן אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין בַּאשֶׁעפֶער אוּן אַלֶעס אִיבֶּער אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט פוּן אִים, אוּן אַלֶעס אִיז נָאר לְטוֹבָה.